# פרשת שלח י"ז – כ"ג סיון תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת שלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **יהושע רובין** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל כינוס הרבבות ועצרת מחאה על גזירת גיוס בני הישיבות בארה"ק, שהתקיים באולם בארקלעים סענטער.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שמעון וועבער** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא.

אחר הפדיון הבן נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ז סעיף ו') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בפרקי אבות בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע אין די פרשה איז געווען די מצוה פון הדלקת הנרות. בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות. די מצוה איז געווען, אז די נרות פון די צוויי זייטן זאלן זיך בייגן צו די מיטלסדיגע חלק פון די מנורה. ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, אל מול פני המנורה העלה נרותיה (במדבר ח-ב). און רש"י זאגט, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, די תורה דערציילט די שבח פון אהרן, אז ער האט נישט משנה געווען. לכאורה דארף מען פארשטיין, צינדען די מנורה אל מול פני המנורה איז נישט אזא שווערע מצוה, אז מען זאל דארפן רימען אהרן הכהן אז ער האט אזוי געטון, און ער האט נישט משנה געווען. עס קאסט אים נישט קיין געלט, און נישט קיין צייט, און עס איז נישט קיין טירחא, אז ער זאל עס טון. וואס איז די חידוש אז די תורה פארציילט, אז ער האט נישט משנה געווען.

**די** פשט דערפון איז, א יעדע זאך וואס איז געווען אינעם משכן קען מען זיך אראפלערנען דערפון א מוסר השכל צו עבודת ה'. און ביי די מנורה איז אויך דא א נקודה, וואס מען קען זיך אראפלערנען דערפון צו עבודת ה'. די מדה פון חסד, וואס א מענטש דארף טון פאר א אנדערן, נישט לעבן פאר זיך אליין, נאר זעהן וואס מען קען יענעם ארויסהעלפן, איז א מצוה מן התורה פון אחרי ה' אלקיכם תלכו (דברים יג-ה), מען דארף גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען. מה הוא חנון ורחום, אזוי זאלסטו אויך זיין א חנון ורחום. אזוי ווי דער אייבערשטער איז א גומל חסד, אזוי דארף א מענטש גומל חסד זיין (שבת קלג:, ועיין סוטה יד.). עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג), די וועלט האלט זיך נאר מיט חסד, וואס א מענטש טוט גוטס פאר א צווייטן. דאס איז שייך אין גשמיות, ארויסצוהעלפן פאר א מענטש וואס מען קען, און אין תורה איז אויך דא די זעלבע, די גמרא (סוכה מט:) זאגט, ותורת חסד על לשונה (משלי לא-כו), תורה ללמדה דאס איז תורת חסד. ווען א מענטש קען לערנען, און ער לערנט מיט א צווייטן, איז אויך א חסד. קומט אויס, אז א מענטש דארף טון חסד מיט א צווייטן אין אלע אופנים.

**בדרך** כלל קוקט אויס, אז ווען א מענטש גיט אוועק צייט פאר א צווייטן, פארלירט ער אליין. איז ער אין ביזנעס, וואלט ער אין די צייט געקענט מאכן געשעפטן פאר זיך, און ער גיט עס אוועק ארויסצוהעלפן א אנדערן. איז ער א בן תורה, וואלט ער אין די צייט געקענט אליין שטייגן, לערנען עפעס אנדערש, און נישט איבערלערנען א זאך וואס ער האט שוין געלערנט. קוקט דאך אויס לכאורה, ווי דער מענטש פארלירט פון דעם וואס ער טוט פאר א צווייטן. אבער עס איז נישט אזוי. כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידיך (דברים טו-י), ווען א מענטש טוט פאר א צווייטן, דערלייגט מען נישט פון דעם. אז דו טוסט פאר א צווייטן, האט דער אייבערשטער

כמה דרכים ווי אזוי דער באשעפער וועט עס דיר נאכדעם צוריק באצאלן. איז עס אין גשמיות, וועט דער אייבערשטער אריינשיקן א ברכה אינעם געשעפט. איז עס אין תורה, וועט דער אייבערשטער אריינשיקן א ברכה אין תורה, מאיר עיני שניהם ה' (משלי כט-יג), ווען זיי לערנען איז דער אייבערשטער מאיר עיניהם, סיי פונעם רבי און סיי פונעם תלמיד (תמורה טז.).

**א** ראיה דערויף, האט מען זיך געקענט אראפלערנען פון די מנורה. ביי די מנורה איז געווען דער נר המערבי, דער מיטלסדיגע נר. און מען האט געדארפט אנצינדען די איבריגע נרות פונעם נר המערבי. דער נר המערבי האט געברענט לענגער פון אלע אנדערע נרות. יעדן צופרי האבן זיך די איבריגע נרות אויסגעלאשן, אבער ביי דעם נר המערבי איז געווען א נס, אז עס האט געברענט לענגער. כאטש בדרך הטבע דארף עס נישט ברענען מער פון די אנדערע, איז געקומען א ברכה מן השמים. - דער אייבערשטער האט אונז געוואלט דערמיט לערנען, אז ווען א מענטש גיט אוועק פון זיין לעכטיגקייט פאר אנדערע, באצאלט מען אים צוריק. און נישט נאר אז ער וועט נישט לייכטן ווייניגער פון די איבריגע, נאר ער וועט לייכטן אסאך לענגער פון די אנדערע. דער נר המערבי, וואס דאס צינדט אן אלע אנדערע נרות, דער נר וועט לייכטן די לענגסטע.

**אהרן** הכהן האט אוועקגעגעבן זייער אסאך צייט פאר אנדערע מענטשן, ער איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב). רש"י ברענגט צו (במדבר כ-כט), אז ווען ער האט געזעהן צוויי מענטשען קריגן זיך, איז ער צוגעגאנגען צו זיי, און אויסגעראדט דעם סכסוך צווישן זיי. ווען עס איז געווען א סכסוך ביי א מענטש אין שטוב אין שלום בית, איז אהרן הכהן דארט געווען, און ער האט געמאכט שלום. און ווען אהרן הכהן איז נסתלק געווארן, ויבכו אותו 'כל' בית ישראל (שם), סיי די זכרים און סיי די נקבות, און ביי משה רבינו שטייט נאר ויבכו 'בני' ישראל את משה (דברים לד-ח), נאר די זכרים האבן אים באוויינט. אבער ביי אהרן האבן אים באוויינט אויך די ווייבער מיט די קינדער אין שטוב.

**עס** שטייט אין אבות דרבי נתן (יב-ד), אז ווען אהרן הכהן איז נסתלק געווארן, האבן אים באגלייט כמה אלפים, טויזנטער קינדער וואס האבן געהייסען אהרן, וואס ער האט געמאכט שלום ביי זייערע עלטערן אין שטוב, און דורך דעם זענען די קינדער געבוירן געווארן, און די עלטערן האבן א נאמען געגעבן די קינדער אהרן, ווייל ווען נישט אהרן וואלטן זיי נישט געווען אויף די וועלט. - ווען איינער טוט אין שלום בית, ווייסט ער וויפיל שעות עס גייט אדורך, אויסצוגראדן אז מען זאל קענען מאכן שלום בית אפילו נאר ביי איין פאר פאלק. און אהרן הכהן האט געהאט טויזנטער קינדער וואס האבן געהייסען אהרן, מיינט דאס, אז אין זיינע פערציג יאר וואס ער איז געווען אינעם מדבר, האט ער אויפגעשטעלט טויזנטער שטובער. און נישט יעדער האט א נאמען געגעבן אהרן, עס איז געווען צענדליגער און הונדערטער שטובער וואס האבן שוין נישט געהאט קיין קינדער שפעטער, צו זיי האבן שוין געהאט א קינד אהרן, און זיי האבן נישט א נאמען געגעבן די צווייטע קינד אהרן. אהרן האט אוועקגעגעבן שעות ארוכות אז עס זאל זיין שלום בית אין טויזנטער משפחות. און דאס איז אויסער דעם וואס ער האט אויסגעראדט סכסוכים וואס איז געווען בין אדם לחבירו, און ער האט אויך געדארפט טון די עבודה אין בית המקדש. וואלט דאך געדארפט זיין אז אהרן הכהן זאל נישט האבן קיין צייט צו לערנען, און צו דאווענען, און דינען דעם אייבערשטען, און ער וואלט געדארפט פאלן פון זיין מדריגה, ווייל ער האט דאך נישט קיין צייט צו שטייגען אין עבודת ה'. אבער פון דעסטוועגן דאך, איז ער נישט געפאלען פון זיין מדריגה, און ער איז נישט געווען אין א קלענערע מדריגה פון זיין ברודער משה רבינו, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (שהש"ר ד-ה), משה ואהרן שקולים כאחד. ווייל איינער וואס לעבט נישט פאר זיך אליין, נאר ער זוכט צו העלפן אנדערע, אז זיי זאלן קענען שטייגען, איז ער זוכה אז ער אליין שטייגט אויך אין זיינע מדריגות.

**און** דאס זאגט דער פסוק, ויעש כן אהרן, אהרן האט זיך געמאכט אזוי ווי די מנורה, וואס פון די מיטלס'דיגע נר פון די מנורה, צינדט מען אן אלע

אנדערע נרות, אזוי האט אויך אהרן אוועקגעגעבן פון זיין צייט ארויסצוהעלפן טויזנטער יודישע קינדער. וועסטו דאך מיינען אז דורך דעם איז אהרן נשתנה געווארן פון זיין מדריגה, זאגט רש"י, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, אז אהרן איז גארנישט נשתנה געווארן פון זיין מדריגה, נאר ער איז ווייטער נתעלה געווארן אין זיינע מדריגות.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **דניאל פאלאטשעק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום אליעזר בראנער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן מחותנו הרב **העניך באב"ד** שליט"א, עב"ג בת הרב **חיים שלמה טייטלבוים** שליט"א (בן הרב אלי' בצלאל טייטלבוים שליט"א), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **יצחק אונסדארפער** שליט"א דומ"ץ דקהל שפע חיים צאנז (וומסב"ג), עב"ג בן הרה"ג רבי **ישעי' יוסף בריעף** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אהרן שלמה וויינגארטן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש זלאזיץ. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון די מרגלים. יודען האבן זיך אפגערעדט, אז עס וועט אויסקומען שווער, אז מען זאל קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל, און זיי האבן געזאגט, נשינו וטפינו יהיו לבז (במדבר יד-ג), אונזערע ווייבער און אונזערע קינדער וועלן זיין דארט צו רויב. און דער אייבערשטער האט אויף דעם געענטפערט, וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה, והביאתי אותם וידעו את הארץ (יד-לא), עטץ וועסט נישט אריינקומען, אבער די קינדער וועלן יא אריינקומען, און זיי וועלן ירשנן ארץ ישראל.

**מען** קען ממליץ זיין אויף די מרגלים, פארוואס זיי האבן נישט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל. מען ווייסט אז חינוך פון קינדער איז נישט אזוי גרינג. ווילאנג יודען זענען געווען אינעם מדבר, איז געווען זייער גרינג מחנך צו זיין קינדער. מען איז געווען אין א מדבר, מען איז נישט געווען ארומגענומען מיט א גוי'שע וועלט, נאר מיט די מן און די באר און די ענן, מיט משה רבינו, און א משכן, עס האט זיי גארנישט געפעלט. יודען זענען דארט נתחנך געווארן אויפן שענסטן אופן ווי פון אלע דורות שפעטער. און אז מען קומט אריין קיין ארץ ישראל, וועט קודם זיין פערצן יאר מלחמות. שבע שכבשו ושבע שחלקו, פערצן יאר ביז מען וועט אנהייבן זיך מסדר צו זיין. און ווען מען וועט זיך שוין מסדר זיין, דארף מען אנהייבן בא'ארבעטן די פעלדער וכדומה, אז מען זאל האבן פרנסה. האבן זיי גע'טענ'ט, אז פאר די חינוך פון די קינדער, איז נישט גוט אז מען זאל אריינגיין קיין ארץ ישראל, זיי ווילן ענדערש בלייבן אינעם מדבר, ווייל ווען מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל, וואס וועט זיין מיט די קינדער, זיי וועלן דאך זיין פארנומען מיט ירושת הארץ, ווי אזוי וועט מען זיי קענען מחנך זיין. האבן זיי געזאגט, טפינו יהיה לבז, ווען מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל, וועלן אונזערע קינדער דארט קאליע ווערן.

**אבער** אז מען פאלגט וואס דער אייבערשטער זאגט, איז מען מצליח. **חינוך פון קינדער איז נישט אלץ תלוי וואס עלטערן טוען, נאר מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא אז מען זאל קענען מחנך זיין קינדער.** מען זעהט אסאך מאל קינדער פון גוטע שטובער וואס ווערן פארפאלן חס ושלום, און קינדער פון שוואכע שטובער, וואס ווערן דערהויבן. מען דארף האבן סייעתא דשמיא דערצו, אז מען זאל קענען מגדל זיין די קינדער. **אז מען טוט וואס דער אייבערשטער הייסט, איז מען מצליח.** האט דער אייבערשטער געזאגט, איך הייס מען זאל אריינגיין קיין ארץ ישראל, עטץ האטס מורא פאר די קינדער, וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה, והביאתי

אותם וידעו את הארץ, זיי וועלן מצליח זיין, און זיי וועלן ירשנ'ן ירושת הארץ, און קדושת הארץ. עטץ דארפסט ענק נישט זארגען, אז מען טוט וואס דער אייבערשטער זאגט, איז מען מצליח.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הרב **מאיר אדלער** שליט"א, עב"ג בת הרב **חיים יעקב צבי גרויס** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יקותיאל יודא** (לייבי) **פריינד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב יחיאל קליין** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **חיים שלמה אדלער** שליט"א ר"י דרכי נועם (חתן הגה"צ דומ"ץ סקולען שליט"א, ונכד כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **לוי יצחק אבראהאם** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***<u>יום חמישי פרשת שלח</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **נחום יהודא שווארץ** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **דוד דייטש** הי"ו, שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א**. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **משה הורוויץ** שליט"א (חתן כ"ק האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **יצחק דוד טווערסקי** שליט"א (בן הגה"צ מטריסק שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **אברהם שמחה דייטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אייל קורץ** הי"ו, שהתקיים בבית אבי החתן.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נחום יהודא שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן ש"ב הרב **שאול ראזען** שליט"א (נכד הרב פייבוש שווארץ שליט"א), עב"ג בת הר"ר **יעקב ראזענבערג** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **עזריאל יצחק הערמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יקותיאל הלל שפיטצער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת שלח</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שלמה הערצאג** הי"ו (חתן הר"ר יצחק יודא ברוין הי"ו), שהתקיים בבית המדרש אויוואר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הברית של בן הרב **עזריאל מנחם ליכטמאן** שליט"א (מגי"ש בת"ת בוומסב"ג), שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך איז די פרשה פון די מרגלים, די תורה הק' זאגט (במדבר יג-לב) ויוציאו דבת הארץ, זיי האבן גערעדט אויף ארץ ישראל. דבה איז א לשון פון שלעכטע רייד, זיי האבן גערעדט שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל. זיי האבן געזאגט אז עס איז א

ארץ אוכלת יושביה, ווי די תורה איז מאריך. די לשון אין פסוק איז א שווערע לשון. עס וואלט געדארפט שטיין ויוציאו דבה 'על' הארץ, נישט ויוציאו 'דבת הארץ'. זיי האבן נישט גערעדט די דבת הארץ, נאר זיי האבן גערעדט אויפן ארץ. די לשון דבת הארץ איז משמע אז די ארץ האט גערעדט.

**עס** קען זיין א ענין דערין. עס שטייט פונעם **חידושי הרי"ם** (מובא **בשפתי צדיק**), אז די מרגלים זענען דאך געווען דערהויבענע יודען, זיי זענען געווען נשיאים, כולם אנשים, ראשי בני ישראל (יג-ב), ווי אזוי קען זיין אז זיי זענען נכשל געווארן, און זיי האבן געזאגט, אז מען זאל נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל. זאגט ער, אז זיי האבן געמאכט א חשבון, אז עס איז נישט אזוי שלעכט צו זיין אין מדבר. אין מדבר דארף מען זיך נישט פלאגן אויף פרנסה, עס פאלט מן פון הימל, מען קען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען פון צופרי ביז ביינאכט. מען האט נישט קיין פראבלעמען מיט הייזער, מען האט נישט קין פראבלעם מיט בגדים, עס איז געווען א ענן וואס האט מגהץ געווען די בגדים, אלעס איז צוגעשטעלט. אבער ווען מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל, וועט יעדער זיך דארפן אליין ברענגען זיין פרנסה, מען וועט זיין איש תחת גפנו ותחת תאנתו (מלכים א ה-ה). אויסער די יארן וואס וועט נאך זיין ביז מען וועט אנקומען אהין, שבע שכבשו ושבע שחלקו. ועל כולם, משה מת ויהושע מכניס, מען גייט פארלירן דעם רבי'ן משה רבינו. וואס פעלט אויס אריינצוגיין קיין ארץ ישראל? עס איז אסאך בעסער צו בלייבן אינעם מדבר, מען קען זיצען און לערנען, און אזא צדיק ווי משה רבינו וועט בלייבן מיט אונז, האבן זיי געטון א עבירה לשמה. עס איז טאקע א עבירה, אבער די כוונה איז געווען א גוטע כוונה. - פון דעסטוועגן דאך, א מענטש קען נישט מאכן קיין חשבונות, אז די וועג איז בעסער פון די אנדערע וועג, נאר מען דארף טון וואס דער רצון פונעם אייבערשטען איז. אז די רצון פונעם אייבערשטען איז אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, דארף מען טון דעם רצון ה'.

**מען** געפונט אז בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די ערד, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז עס זאל זיין עץ פרי עושה פרי (בראשית א-יא), שטעם עצו ופריו שוה (ב"ר ה-ט), אלע ביימער זאלן האבן די זעלבע טעם ווי דער פרי. און די ערד האט משנה געווען, עס האט נאר ארויסגעגעבן עץ עושה פרי (שם א-יב), אבער דער עץ האט נישט די זעלבע טעם ווי די פרי. עס שטייט אין **אוהב ישראל** (פ' בראשית) אז די טעם פארוואס די ערד האט משנה געווען, די ערד האט דאך נישט א יצר הרע, פארוואס גייט די ערד משנה זיין דעם דבור פונעם אייבערשטען. זאגט ער, ווייל די ערד האט געוואוסט אז דער אייבערשטער וועט באשאפן שפעטער דעם מענטש מן הארץ, און אז דער מענטש וועט זינדיגען, וועט ער דאך נישט האבען קיין תירוץ פארוואס ער האט געזינדיגט. איז געגאנגען די ערד און עס האט קודם געזינדיגט, כדי עס זאל שפעטער זיין א טובה פאר יודען, אז ווען מען וועט זינדיגען, וועט מען זאגן, אז ער איז דאך באשאפן געווארן פונעם ארץ, און אז דער ארץ האט געזינדיגט, האט ער אויך געזינדיגט.

**קומט** אויס, אז דער ארץ האט געמאכט דעם זעלבן חשבון ווי די מרגלים האבן געמאכט. זיי גייען טאקע טון א חטא יעצט, אבער זיי טוען דעם חטא מיט א חשבון, אז עס זאל זיין א טובה פאר יודען. און די מרגלים האבן אויך געטון די זעלבע. זיי גייען טון א חטא יעצט, אבער מיטן חשבון אז עס איז פאר די טובה פון יודען. ויוציאו דבת הארץ, די שלעכטע דיבור וואס דער ארץ האט גערעדט דעמאלטס, און האט נישט געפאלגט דעם אייבערשטען, און עס האט נישט ארויסגעגעבן עץ פרי עושה פרי, די זעלבע דיבור פונעם ארץ, האבן זיי יעצט מוציא געווען, זיי האבן אויך געמאכט דעם זעלבן חשבון. און דאס איז א שלעכטע דיבה, ווייל מען זעהט דאך אז דער ארץ איז נענש געווארן שפעטער. ווען אדם הראשון איז נענש געווארן, האט דער אייבערשטער אויך באשטראפט די ערד. איז טייטש אז א מענטש דארף נישט מאכן אזעלכע חשבונות, וואלטן זיך די מרגלים געדארפט אראפלערנען פונעם ארץ נישט אזוי צו טון. ויוציאו דבת הארץ, זיי האבן געטון די זעלבע וואס די ארץ האט געטון.

**ווען** מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז מען אים מכניס קליינערהייט, וואס ער האט נאכנישט קיין חשבונות נאר צו טו אלעס

אזוי ווי דער אייבערשטער האט מצווה געווען. דער טאטע איז מכניס דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, און דאס קינד איז מקיים די מצוה אן קיין שום שינוי פונעם ציווי פונעם אייבערשטען. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי דארף זיין ביי אלע מצות וואס מען טוט שפעטער, נישט מאכן קיין חשבונות, אז עס קומט אויס בעסער אזוי, צו בעסער די אנדערע וועג. מען דארף טון וואס דער רצון ה' איז, און אויף דעם וועג דארף מען צו גיין דעם גאנצן לעבן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, לשבות את שבתו בקרב קהל אנ"ש בעיר.

*

***שבת קודש פרשת שלח***

תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה. – אחר תפלת מנחה קיבל **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד, את פני **רבינו שליט"א**, והמשיך בשיעורו השבועי בהלכות שבת.

סעודת ליל שבת קודש והבאטע ערך **רבינו שליט"א** בבית ידידינו הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, בהשתתפות קהל רב מאנשי שלומינו תלמידים וחסידים. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א.

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים קידושא רבא.

תפלת מנחה ודרשת פרקי אבות וסעודה שלישית התקיים בבית מדרשנו (רח' 306). בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א את הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ קהלתנו הק' במאנסי.

אחר הבדלה בבית הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א עבר **רבינו שליט"א** לבית המדרש של הישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתנו במאנסי, שם התקיימה סעודת מלוה מלכא לאנ"ש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים (מתוך הספר **אוצר ישראל** מאת הרב **ישראל ראזענצווייג**). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א אב"ד יאמפאלי** (מנהל הת"ת במאנסי).

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**איך** וויל באגריסען די אלע יונגעלייט וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מלוה מלכה, עס איז געווען פאר מיר א עונג שבת צו זיין צוזאמען אינאיינעם. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן קענען זיך צוזאמקומען שטענדיג נאר פרייליכערהייט מתוך שמחה.

*

**דער חידושי הרי"ם** איז נתגדל געווארן ביים **קאזניצער מגיד**, שפעטער איז ער אריבערגעגאנגען צום זון דער **באר משה**, און נאכדעם האט ער אים איבערגעלאזט, און ער איז געגאנגען אויף פרשיסחא, און שפעטער איז ער אליין געווארן א ממשיך פון די גזע פון קאצק און פרשיסחא.

**איינמאל** האט דער **חידושי הרי"ם** געמאכט א סעודה, און ער האט זיך אנגעטון בגדי שבת צו די סעודה, און עס איז נישט געווען א יומא דפגרא, און מען האט נישט געוואוסט פארוואס ער מאכט די סעודה. האט דער **חידושי הרי"ם** שפעטער פארציילט, אז ווען ער איז געווען א קינד, און ער איז געווען ביים **קאזניצער מגיד**, זענען אמאל געזעסן ביים מגיד גדולי ישראל, און דער מגיד האט געפרעגט א קשיא אין א תוספות, און זיי האבן זיך געמוטשעט צו פארענטפערן די קשיא, און זיי האבן נישט געקענט טרעפן א תירוץ דערויף.

**דער חידושי הרי"ם** איז געווען א גרויסער קאפ, האט ער פארענטפערט די קשיא וואס מען האט געפרעגט. ווען ער האט פארענטפערט די קשיא, האט אים דער **קאזניצער מגיד** געגעבן א פאטש, און ער האט אים געזאגט, אז קיינער ענטפערט נישט, דארפסטו אויך נישט ענטפערן. ער האט אים געוואלט אויסלערנען אז ער זאל נישט ארויסשטארן, קיינער האט נישט געענטפערט און ער האט געענטפערט. און ער האט תיכף פארגעסן דעם פשט וואס ער האט געזאגט אינעם תוספות. און וויפיל ער האט זיך געפלאגט זיך צו דערמאנען, האט ער זיך נישט געקענט דערמאנען דערפון.

היינט האט ער זיך דערמאנט דעם פשט וואס ער האט דעמאלטס געזאגט, איז עס ביי אים א געוואלדיגע שמחה, מאכט ער א סעודה.

**והוסיף רבינו:** איך האב געזעהן די פאריגע וואך, אז **רבי חיים עוזר** איז אמאל געזעסן מיט א גדול צוזאמען, און מען האט זיך מפלפל געווען אין א ענין. און **רבי חיים עוזר** האט זיך אנגערופן אז עס איז דא א תוספות אין ש"ס אזוי און אזוי. און דער גדול האט זיך געדינגען, אז עס איז נישט דא אזא תוספות. און **רבי חיים עוזר** האט אים גארנישט געענטפערט, און דער גדול האט געוואלט איבערוויזען פאר **רבי חיים עוזר** אז עס איז יא דא אזא תוספות, איז ער צוגעגאנגען צם שאנק, און ער האט געוואלט ארויסנעמען די גמרא פון וואס מען האט גערעדט. האט זיך **רבי חיים עוזר** אויפגעשטעלט, און ער האט אנגעכאפט די גמרא, און ער האט עס אים נישט געלאזט ארויסנעמען. האט דער גדול פארשטאנען אז **רבי חיים עוזר** וויל נישט פארשעמט ווערן ברבים, אז ער וועט ארויסנעמען די גמרא, און ער וועט אים וויזען אז עס שטייט נישט אזוי ווי ער האט געזאגט. ווען דער גדול איז אהיימגעקומען, האט ער ארויסגענומען די גמרא, און ער האט געזען אז עס שטייט אזוי ווי **רבי חיים עוזר** האט געזאגט. האט ער פארשטאנען, אז **רבי חיים עוזר** האט אים נישט געלאזט ארויסנעמען די גמרא, ווייל ער האט נישט געוואלט אז ער זאל פארשעמט ווערן אקעגן אים, אז ער האט נישט געוואוסט. - דאס מיינט צו זאגן, אז מען דארף נישט אייביג ארויסצייגן און וויזען וואס מען ווייסט.

*

**ווען** דער **שפתי צדיק** איז געווארן בר מצוה, האט אים דער **חידושי הרי"ם** געפרעגט, צו ער האט שוין אמאל געזען **אליהו הנביא**. האט דער **שפתי צדיק** געזאגט, אז ער ווייסט נישט וואס דאס מיינט גילוי אליהו. האט אים דער **חידושי הרי"ם** געזאגט, גלייב מיר, אז ווען איך בין געווען אזוי אלט ווי דו, איז מיר אנגעקומען **גילוי אליהו** גרינגער ווי עס איז ביי מיר היינט.

**וביאר רבינו:** וואס איז דער פשט, אז אמאל איז אים אנגעקומען גרינגער גילוי אליהו ווי אויף די עלטער.

- איך וועל עס מסביר זיין מיט א צווייטע מעשה. איך האב אמאל געהערט פונעם **לאנדסבערגער רב זצ"ל**, ער איז געווען א תלמיד פונעם **סעמיהאי'ער רב**, דער **מהרש"ג**. אז מען האט אמאל געשמועסט ביים **מהרש"ג** אין שטוב, און דער **מהרש"ג** האט זיך אנגערופן, אז היינט איז נישט דא קיין רוח הקודש. די דורות וואס איז געווען אמאל איז שוין היינט נישט דא, עס איז היינט נישט דא קיין רוח הקודש. איז געווען דארט א יוד און ער האט געזאגט, אז ער איז געווען ביי א צדיק, און ער האט געזען דארט אפענע רוח הקודש. און ער האט פארגעהאלטן פארן **מהרש"ג**, אז ער זאגט, אז היינט איז נישט דא קיין רוח הקודש.

**זאגט** אים דער **מהרש"ג**, זאג מיר ביי וועם דו ביסט געווען, און זאג מיר וואס דו האסט געזען רוח הקודש. האט ער פארציילט, אז ער איז געווען ביי **רבי מרדכי'ל נאדבורנער**, וואס איז געווען מפורסם פאר א בעל רוח הקודש, און עס איז צוגעקומען א אידענע מיט צוויי קינדער, און געבעטן אז דער רבי זאל זיי בענטשען. האט ער ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף די ערשטע קינד, און ער האט אים געבענטשט. שפעטער איז צוגעקומען די צווייטע קינד, האט ער ארויפגעלייגט די הענט, און ער האט עס תיכף אראפגענומען. און ער האט געזאגט, דעם קינד קען איך נישט בענטשען, ער איז א בן הנדה. האט ער געפרעגט דעם **מהרש"ג**, איז דאס נישט אפענע רוח הקודש, אז ער האט געקענט וויסן אויף א קינד, צו עס איז א כשר קינד?!

**האט** דער **מהרש"ג** געזאגט, ניין, דאס איז נישט קיין רוח הקודש. ער האט א גוטן אויג, קען ער דערקענען אויף א זאך, צו עס האט אויף זיך א קדושה, צו נישט, האט ער געקענט דערקענען אויף א קינד, אז דאס קינד האט א פגם, אבער דאס האט נישט צוטון מיט רוח הקודש. א צדיק וואס איז הייליג, ווען ער קוקט אן א זאך, קען ער באמערקן צו עס איז דא אויף דעם א קדושה, צו נישט. האט דער **מהרש"ג** געזאגט אויף זיך, איך בין נישט קיין בעל רוח הקודש, אבער אלץ יונגערמאן, ווען איך האב אנגעקוקט א כלי, האב איך געקענט דערקענען צו מען האט עס גע'טובל'ט, צו נישט. און דאס איז נישט קיין רוח הקודש.

**האט** דער **לאנדסבערגער רב** געזאגט, וואס איז דער פשט וואס דער **מהרש"ג** האט געזאגט, אז אלץ 'יונגערמאן' האט ער געקענט דערקענען. וואס איז געווען אויף די עלטער? האט ער געזאגט צוויי וועגן. איינס, אז עס קען זיין אז אויף דער עלטער האט ער אוודאי אויך באמערקט, נאר ער האט נישט געוואלט רעדן פון א זאך וואס איז היינט, האט ער געזאגט, אז אמאל האט ער געהאט די מדריגה. נאכדעם האט ער געזאגט, אז עס קען זיין אז אין די יוגנט האט ער געהאט די מדריגה, און שפעטער נישט. ווילאנג ער איז געזעסן אפגעזונדערט, און געלערנט תורה מתוך הדחק, מיט א התבודדות, און ער האט נישט געהאט צו טון מיט א ציבור וכדומה, האט ער געקענט צוקומען צו אזא מדריגה אז ער האט געקענט דערקענען אויף א כלי צו עס איז גע'טובל'ט, אבער שפעטער אויף דער עלטער, ווען ער האט שוין געהאט צוטון מיט תלמידים, און הרבצת התורה, האט ער שוין נישט געהאט די פרישות מיט די התבודדות וואס ער האט אמאל געהאט, האט עס געפעלט ביי אים, און ער האט נישט געקענט זעהן שפעטער. - זעהט מען, אז עס קען אמאל זיין אז מען זאל האבן א מדריגה ווען מען איז יונג, אבער שפעטער האט מען עס נישט. - דער **חידושי הרי"ם** האט נישט געזאגט, אז ער האט נישט גילוי אליהו, ער האט נאר געזאגט, אז ווען ער איז געווען א קינד איז ער גרינגער צוגעקומען צו גילוי אליהו, ווי ער האט עס היינט.

*

**ווען** דער **קאזניצער מגיד** איז נסתלק געווארן, האט זיך דער **חידושי הרי"ם** געדרייט ביים זון, **רבי משה קאזניצער**, דער **באר משה**. ווען ער איז געווען דארט, איז געווען א שידוך פון א אייניקל פונעם **נודע ביהודא**, מיט **רבי זלמן פאזנער**, א גרויסער גביר אין ווארשא. ער איז אויך געווען א גרויסער תלמיד חכם, און די חתונה איז געווען אין קאזניץ. די מחותנים זענען געווען מתנגדים, אבער זיי האבן געלאדענט **רבי משה'לע קאזניצער** צו די חתונה. און זיי האבן זיך געוואלט מפלפל זיין מיט אים אין תורה, כדי אים מבייש צו זיין, און ווייזן אז ער קען נישט לערנען.

**ווען** דער **חידושי הרי"ם** האט דאס געהערט, איז ער מיטגעגאנגען צו די חתונה, און ער האט זיך אראפגעזעצט נעבן די מסובים, און ווען מען האט אנגעהויבן צו רעדן אין לערנען, האט דער **חידושי הרי"ם** איבערגענומען דעם שמועס, און ער האט זיך מפלפל געווען מיט זיי, און געוויזן זיין גרויסקייט און חריפות אין תורה. די מתנגדים האבן אזוי אנגעקוקט, אז דער חסיד קען אזויפיל לערנען, ווער ווייסט וויפיל דער רבי קען אלץ, האבן זיי נישט ממשיך געווען ווייטער אינעם שמועס. נאך דער סעודה, האט **רבי משה'לע קאזניצער** געגעבן א קוש פארן **חידושי הרי"ם**, און ער האט אים געזאגט, דו זאלסט וויסען, אז ווען דו וואלסט מיר נישט פארענטפערט, וואלט דער טאטע געקומען צו מיר, און ער וואלט מיר מגלה געווען וואס איך דארף ענטפערן פאר זיי. - זייט דעמאלטס האט דער **חידושי הרי"ם** אויפגעהערט צו גיין צו **רבי משה'לע קאזניצער**, און ער האט געזאגט, איך וויל א רבי וואס זאל מיר טרענען (שניידן) די אדערן, און נישט א רבי וואס וועט מיר קושן.

**והוסיף רבינו:** אין די תולדות פונעם **חידושי הרי"ם** שטייט, אז ווען דער **חידושי הרי"ם** האט איבערגעלאזט **רבי משה'לע קאזניצער**, און ער איז געפארן קיין פרשיסחא, איז יעדעס מאל ווען ער איז אהיימגעקומען פון פרשיסחא האט ער פארלוירן א קינד, פון די הקפדה פון **רבי משה'לע קאזניצער** אז ער האט אים איבערגעלאזט. און דער **חידושי הרי"ם** האט פארלוירן אלע זיינע קינדער בחייו. ביים לעצטן קינד וואס ער האט געהאט, האט זיך די רעבעצין אקעגנגעשטעלט, און זי האט אים נישט געלאזט פארן. דו האסט נאך איין קינד, און דו זעהסט דאך וואס עס פאסירט. און ער האט געזאגט, עס אינטערעסירט מיך נישט, איך וועל מיך נישט אפרייסן פון מיין רבי'ן, און ער איז ווייטער געפארן, און ער האט פארלוירן אויך דעם לעצטן קינד וואס ער האט געהאט. און עס שטייט דארט, אז דער **חידושי הרי"ם** האט געזאגט, אז דאס וועט ער שוין נישט מוחל זיין פאר **רבי משה'לע קאזניצער** וואס ער האט אים צוגענומען דאס לעצטע קינד אויך. און עס איז נאר געבליבן ביי אים א אייניקל, דער **שפת אמת**, וואס איז שפעטער נתגדל געווארן ביים **חידושי הרי"ם**.